# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תזריע תשפ"ד שנה י | גליון מס' 529



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## בני איז נישט בזכותא נאר במזלא

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר"** (יב ב)

האט **רבי אליהו הורושובסקי** דער דראהביטשער רב גע'דרשנ'ט:

ווען מען זאל קוקן וואס איז די ראשי התיבות פון די ווערטער: "לֵאמֹר אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר" וועט מען זעט אז עס קומט אויס די ווערטער 'לא זכות'.

דאס איז מרמז צו די מאמר חז"ל אין מועד קטן (דף כח א) "בני חיי ומזוני לא בזכותא תליא, אלא במזלא תליא.

האט דער דראהביטשער רב צוגעלייגט אז אין דער פסוק איז אויך דא רמז לדעת רבי יוחנן (שבת קנו א) וואס האלט אז מיט די תפילה און מעשים טובים פון א איד קען ער משנה זיין מזלו לטובה, ווייל ווען א איד בעט אין א וועג אז ער האט נישט זיין זכותים, גלייבנדיג אז עס קומט אים נישט, נאר ער בעט א מתנת חינם, ער בעט א מתנה איז ער זוכה אז זיין תפילה ווערט נתקבל, ווייל אזא איד נעמט זיך ארויס מכלל פון זכות און גייט אריין אין כלל פון מזל אז הקב"ה איז משפיע אויף אים אויף זיין גוטער מזל.

'אזור אליהו'

## עבירות שבין אדם לחבירו איז מען נישט מוחל יום החופה עד שירצה את חבירו

**"וּבְיוֹם הֵרָאוֹת בּוֹ בָּשָׂר חַי יִטְמָא"** (יג יד)

חז"ל זענען מדייק פון דער וועג ווי אזוי עס שטייט אין די תורה די הלכה פון ווען מען קוקט א נגע, אז עס שטייט נישט "ובהראות", נאר "וביום הראות", אז פון די עקסטערע ווארט 'וביום' לערנט מען ארויס אז עס איז דא טעג (מו"ק ז ב, הובא ברש"י) וואס אין איר קוקט מען נישט קיין נגע; און ווי חז"ל זאגן דארט אויפ'ן ארט איז א חתן איינס פון די וואס זיין נגע קוקט מען נישט, אז אויב א חתן האט געזען א נגע אין די וואך פון די שבע ברכות קוקט מען עס נישט דעמאלטס.

עס האט זיך אמאל געמאכט דער גערער רבי דער בעל **'אמרי אמת'** האט זיך געטראפן ביי א שבע ברכות מיט דער אדמו"ר **רבי אליעזר דוד מראדושיץ**. די צוויי צדיקים האבן גערעדט צווישן זיך און דער ראדושיצער רבי האט א פרעג געגעבן דעם 'אמרי אמת' אז ווי אזוי קען זיין אזא זאך אז א חותן אינמיטן פון די שבע ברכות זאל באקומען צרעת? מיר ווייסן דאך אז צרעת קומט צוליב א חטא און דער חתן האלט דאך יעצט נאך 'ימי תשובה און ווי חז"ל זאגן (ירושלמי ביכורים ג ג) אז א חתן איז מען מוחל פאר אים אלע זיינע עבירות.

האט דער 'אמרי אמת' געענטפערט אז פון די גמרא אין ערכין וואו עס שטייט אז צרעת קומט צוליב אן עבירה און אויך צוליב עבירות שבין אדם לחברו און עס קען זיין אז אזוי ווי יום כיפור איז נישט מכפר אויף עבירות שבין אדם לחבירו איז אויך דער יום החופה נישט מכפר אויף עבירות שבין אדם לחבירו.

'ראש גולת אריאל' ח"א עמ' שכא

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## א שליחות מיט א זכות

צווישן די חשובע ליינער איז זיכער דא אזאנע וואס האבן שוין בייגעוואוינט אזא סארט סצענע: די טויערן פון שול עפענען זיך און א פרישער מתפלל גליטשט זיך אריין אין שול.

אונטער זיין ארעם ליגט זיין טלית בייטל, ער לייגט עס אוועק אויפ'ן טיש און טוט זיי אן און מיט די טלית ותפילין אויף אים גרייט ער זיך צו זאגן ברכת השחר אבער ער וויל אז די ברכה זאל זיין בשלימות, אז איינער זאל ענטפערן אויף איר אמן און ער זוכט זיך ארום חברותא.

זיינע אויגן וואנדערן שנעל ארום צווישן די אנוועזענדע אין שול, ער זוכט צווישן זיי א פאסיגער קאנדידאט, אבער ער טרעפט נישט. די שול איז פול מיט אידן אבער כמעט יעדער איינער פון זיי איז ארייגעטון אין זיינע זאכן.

איינער קוקט אריין אין סידור, א צווייטער זעט סתם אזוי נישט אויס די גיסטע, א דריטע זעט אויס פארטיפט אין א ספר און עס שמעקט זיך נישט אים צוגיין שטערן זיין פארטיפקייט.

די צייט דרוקט. אט, אט, און דער חזן גייט שוין אנהייבן דאווענען אבער ער איז נאך חברותא'לאז.

פלוצלונג, פון די צווייטע עק שול, קומט צוגיין א איד, דער איד זעט זיין קלעמעניש און נאך איידער ער קען אים א פרעג געבן צי ער וויל זיין א חברותא, טראגט ער זיך אליין אן, אז ער קען אים טון די חסד און ענטפערן אויף זיינע ברכות.

דער איד לייכט אויף. זיינע ברכות ווערן געזאגט כראוי וכיאות. עס ווערט א רעש אין הימל. א כרוז גייט ארויס, מען רופט אויס אין הימל: "פתחו שערים - פאר דער איד וואס האט געזאגט ברכות מיט אן אמן".

די שילדערונג איבער די טאג טעגליכע איבערלעבענישן פון א 'גבאי אמן' האבן מיר געהערט פון אן אקטיווער גבאי, איינער וואס איז זוכה צו זיין א טייל פון די גרויסע מהפיכה וואס גייט פאר טעג טעגליך אין טויזנטער שולן איבער די גארער וועלט.

עס איז אן איין מאן רעוואלאוציע אבער די שינוי וואס ער מאכט אן מיט זיין פעולה קען מען נישט ריכטיג אפשאצן. עס טוישט דאס גאנצע מציאות פון די שול, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות און דאס איז אויסער די גרויסע שוץ וואס דאס איז ממשיך פאר די שול און אלע אירע מתפללים.

טייערע ליינער! אויב דער דאזיגער שילדערונג רעדט צו זיין דיין הארץ און עס איז גורם ביי דיר אז דו זאלסט אויך וועלן ווערן א טייל פון דעם גרויסן טויש, קענסטו עס טון דורכ'ן זיך אנשליסן און ווערן א טייל פון די גרויסע ליסטע פון אידן וואס האבן אין זייער לעבן געמאכט א טויש און זיך אנגעשלאסן אין די הייליגע חבורה פון 'צדיקים שומרי אמונים'.

עס איז א קליינע טריט פון דיין זייט, אבער עס איז א גרויסער טריט פאר דיין לעבן. עס מאכט דער לעבן לעבעדיגער, מיט מער חיות, מיט זאטקייט, מיט רוחניות'דיגער סיפוק און דאס איז אויסער די גרויסע ישועות וואס דו ביסט ממשיך פאר דיר און פאר דיינע ארומיגע.

שליס זיך אן, ווארט נישט מער, ווייל דו ביסט אויך ווערד פאר דעם.

**מיט א קריאה פון "ושאינו יודע לשאול - את פתח לו"**

**שבת שלום**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — א 'שידוך' דורך אן 'אמן' —

אן עלטערער איד איז ר' שלום געווען. אין איינס פון די דרום שטעט אין ארץ ישראל האט ער געוואוינט. ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שיינער דור, אבער אין די לעצטערע יארן האט ער נישט קיין מנוחה.

א טייערער אייניקל האט ער. א מיידל אין די יארן, א כלילת המעלות והמידות, זי האט א גוטער נאמען אבער עס גייט איר נישט קיין שידוך.

זי איז שוין אלט זעקס און צוואנציג יאר, אבער די גליקליכע מינוט האט זיך פארזוימט, עס גייט איר נישט קיין שידוך.

אסאך קאפ און מח האט די משפחה אריינגעלייגט אז זי זאל טרעפן א שידוך. אלעס אין די וועלט האט מען געטון אז זי זאל געהאלפן ווערן. מען האט שוין גערעדט צו די גרעסטע שדכנים, מען האט שוין איינגעטיילט תהלים פאר די ארומיגע, מען האט גענומען ברכה'ס פון די צדיקי הדור און זיך משתטח געווען אויף קברי צדיקים אבער די ישועה האט זיך פארזוימט, עס איז נישט אנגעקומען.

אין די שול וואו דער זיידע דאווענט איז געווען איין איד מיט'ן נאמען ר' טוביה וועלכע האט געדינט אלץ גבאי אמן. א טיכטיגער מאן איז ר' טוביה געווען. אדאנק אים האבן אלע אידן טאג טעגליך געהאט חברותא'ס אויף אמן.



עס איז געווען נאך סוכות ווען ר' טוביה האט געוואוסט אז ער וועט פעלן עטליכע טעג פון שול און אויס מורא אז די גאנצע אונטערנעמונג וואס ער האט דא אהערגעשטעלט וועט אונטערגיין האט ער אריינגעברענגט דער זיידע ר' שלום אין בילד.

ר' שלום האט זיך מקבל געווען אז אין די טעג וואס ר' טוביה וועט פעלן וועט ער איבערנעמען זיין ארבעט און זארגן אז יעדער מתפלל זאל האבן א חברותא מיטוועמען צו ענטפערן אמן.

יענער טאג, ווען ר' שלום האט געדארפט אנהייבן די עבודת הק', איז ער אויפגעשטאנען פריער ווי געווענליך און זיך געאיילט צו זיין אין שול באצייטנס. אזוי גייענדיג אין שול איז אים איינגעפאלן אז כידוע איז די סגולה פון ענטפערן אמן זייער גרויס און ער דארף דאך א ישועה מיט זיין אייניקל און באשלאסן צו ווידמען די זכות אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט א זיווג הגון בקרוב ובמהרה.

אויף א צעטיל אין שול האט ער אויפגעהאנגען אז די זכות פון די היינטיגע ברכות און די אמנ'ס וועט זיין לזכות אסתר בת דבורה, אז זי זאל געהאלפן ווערן בקרוב מיט א זיווג הגון.

די מתפללים האבן געזען דעם צעטיל און ר' שלום האט זיך גענומען צו די עבודת הק'. מיט געניטקייט האט ער צוזאמענגעשטעלט חברותא'ס אויף אמן און אריינגעכאפט זכותים.

אביסל נאך דעם וואס ער האט אנגעהויבן די עבודת הק' איז אריינגעקומען אין שול איינער פון די קביעות'דיגע מתפללים און מיט אים איז מיטגעקומען נאך א איד, א פרעמדער איד, נישט פון די געגענט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די צוויי אידן האבן זיך משדך געווען און אז זיי זענען דא אין געגענט צו זוכן וואו מען קען דינגען א דירה פאר די פארפאלק אז זיי זאלן האבן וואו צו וואוינען נאך די חתונה.

ר' שלום האט זיי באגריסט און דערציילט אז ער איז היינט דער גבאי פון די אמנ'ס. דער איד האט זיך געפריידט אז אויך דא אין די שול איז דא א גבאי פאר די אמן און ער האט אויסגעהערט די ברכות פום דעם גאסט.

א רגע איידער דער גאסט האט זיך אומגעקערט צו זיין ארט האט דער גאסט געקוקט אויפ'ן צעטיל וואס איז געלעגן פארענט פון אים און זענענדיג אז עס שטייט אויף איר א נאמען האט ער א פרעג געגעבן פאר ר' שלמה ווי אלט זיין אייניקל איז. ר' שלמה האט אים געענטפערט אז זי איז אלט זעקס און צוואנציג יאר.

דער גאסט האט אים ווארעם אנגעווינטשן אז די זכותים פון די אמנ'ס זאל מגין זיין אז זיין אייניקל זאל בקרוב געהאלפן ווערן מיט א זיווג הגון.

ווען די דאווענען האט זיך געענדיגט איז דער איד נאכאמאל געקומען צוגיין צו ר' שלום און זיך פאראינטערעסירט איבער זיין זון דערציילנדיג אז ער האט אין שטוב אויך א פיינער זון אין עלטער פון 26 יאר און אז אויך ער איז א תכשיט פון א בחור און ער האט זיך נאר אויפגעהאלטן ווארטנדיג אז זיין ברודער וואס גייט אט אט חתונה האבן זאל ווערן א חתן.

מען האט אנגעהויבן טון וועגן דעם. טראץ וואס ער האט געהאלטן פאר'ן חתונה מאכן זיין קינד האט ער אנגעהויבן טון וועגן דעם און ביז א קורצער צייט איז געשלאסן געווארן א שידוך בשעה טובה ומוצלחת.

צוויי וואכן שפעטער, מוצאי שבת ויצא איז געפראוועט געווארן די תנאים. דער זיידע ווער עס האט געהאט א גרויסער חלק אין דעם שידוך האט שפירנדיג אז די שידוך איז געווארן בזכות פון די אמנ'ס און זיין אונטערנעמונג אויף געטרעטן מיט א רעדע ביי די תנאים און באטאנט די נושא פון אמן און צוגעלייגט אז זוכנדיג א רמז צו דער אמן אין די פרשה האט ער אויסגערעכנט אז די גימטריא פון 'ויצא' איז כמנין 'גבאי אמן' און וויטער געפלאכטן דער געדאנק זאגנדיג אז עס קומט אויס אזוי ווען מען צוטיילט דער ווארט 'ויצא' ווייל כידוע איז די גימטריא פון אמן צ"א און דער 'ו' וואס בלייבט איז כמנין גבאי'.

דער זיידע האט צוגעלייגט אז עס קען זיין אז דער רמז גייט ווייטער ווייל עס מאכט 'וי' און 'צא' אז ווי איז פאר דער 'אמן' וואס עס ווערט מקויים ביי איר דער 'צ"א' אז די אמן גייט ארויס פון איר, אז ער ווערט פארלוירן פאר גארנישט און אז דאס איז דער תפקיד פון דעם גבאי, ער זאל מונע זיין די יציאה, אז ער זאל זיכערמאכן אז קיין אמן גייט נישט לאיבוד.

ווען דער זיידע האט פארענדיגט די דרשה האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין ארט און דער מחותן האט זיך אנגעהויבן פאראינטערעסירן ביים זיידן ווען האט ער אנגעהויבן צו טון אין די נושא פון אמנ'ס? דער זיידע האט אים געזאגט אז די פעולות ביי אים האבן זיך אנגעהויבן נאך סוכות.

"אומגלויבליך". האט דער מחותן געזאגט מיט התפעלות באטענענדיג אז די ערשטע שידוך וואס ער האט געמאכט מיט'ן גרעסערער זון האט זיך אנגעהויבן אין די זעלבע צייט און ער האט פרייע געמאכט די וועג פאר'ן צווייטן זון, ער זאל קענען ווערן א כלה, אזוי אז אין די זכות פון דעם זיידן איז די ישועה געווען א דאפעלטער.

צום אויספיר האט ר' שלמה, דער בעל המעשה, ווער עס האט אונז דערציילט די מעשה, צוגעלייגט אז ער האט אמאל געליינט אין איינס פון די גליונות אז אמן איז מסוגל אויף אריכות ימים, אז מען זאל לעבן צ"א יארן כמנין אמן און ער האט צוגעלייגט אז דאס איז גוט פאר איינער וואס ענטפערט אמן אבער פאר די וואס זענען זוכה צו זיין א גבאי פון דעם אמן דארף לעבן 107 יאר כמנין פון די ווערטער 'גבאי אמן'.

# הפסקה בדברים שבקדושה לעניית אמן

## צווישן "ברכו" און די ברכות פון קריאת שמע

**מיר ווייסן אז די "ברכו" וואס מיר זאגן סיי ביי שחרית און סיי ביי מעריב גייט בעיקר ארויף אויף די ברכה וואס עס קומט נאך דעם. וועגן דעם, אויב עס מאכט זיך אז נאכ'ן זאגן ברכו ביי שחרית אדער ביי מעריב האט ער געהערט אן אמן אדער אן אנדערע דבר שבקדושה איז עס ווי ער האלט אינמיטן א ברכה און ער זאל נישט ענטפערן קיין אמן אויף קיין ברכה, נאר אויף די עיקר קדיש, אזוי ווי עס איז דער דין פון איינער וואס האלט אינמיטן די ברכת קריאת שמע[1].**

די הלכה ווערט אראפגעברענגט אין רמ"א (שם) און אזוי פסק'נט אויך דער שלחן ערוך הרב (שם ג) און דער 'כף החיים' (שם ט) און דער 'משנה ברורה' (שם יג). לויט דער רמ"א קומט אויס אז די הלכה איז נוגע פאר אלע מתפללים פון יענער מנין, אז קיין איינער טאר נישט מפסיק זיין צווישן 'ברכו' און די ברכה וואס קומט נאך דעם אבער די 'משנה ברורה' אין 'שער הציון' (שם יט) ברענגט אראפ אז דער גאון רבי חיים צאנזער איז מוכיח אין זיינע הגהות אז דער 'אור זרוע' (שם) און דער 'מגן אברהם' (שם ד) קריגן זיך אויף די רמ"א און האלטן אז די דין גייט נאר ארויף אויפ'ן בעל תפילה אליין אבער די מתפללים וואס האבן גענטפערט נאכ'ן בעל תפילה 'ברכו' אבער האבן נאכנישט אנגעהויבן די ברכה פון "יוצר" ווערן נישט גערעכנט די זעלבע און קענען יא נאכזאגן (וראה 'הלכות יום ביום' תפילה ח"ב פרק ה הערה 62). נאר ווי געזאגט פסק'נען די אחרונים ווי דער רמ"א. דער 'משנה ברורה (שם יד) לייגט צו אז אויך לשיטת הרמ"א איז דין נאר געזאגט געווארן ווען דער מיטדאווענער האלט ביי די זעלבע ארט וואו דער בעל תפילה און ער גייט יעצט אנהייבן די ברכה פון "יוצר" מיט'ן חזן אבער אויב דער וואס ענטפערט האלט נאך אינמיטן פסוקי דזמרה און ער גייט ממשיך זיין וואו ער האלט ווערט עס נישט גערעכנט ווי ער שטייט אינמיטן א פרק און ער קען נאכזאגן אמן און אנדערע דברים שבקדושה. אין ספר 'הליכות שלמה' (תפילה פ"ו ב'דבר הלכה' כ) לייגט ער צו נאך א נקודה אז דער וואס האלט אינמיטן פסוקי דזמרה און דער חזן זאגט ברכו זאל ער בפירוש אינזינען האבן אז די 'ברכו' וואס ער ענטפערט יעצט איז נישט ווי די ברכה פאר "יוצר אור" אין דער סדר התפילה, ווייל אויב ער וועט יא אינזינען האבן וועט עס ווערן גערעכנט ווי דער אנהייב פון דיח ברכה און ער וועט נאך דערלייגן די ברכה פון "ישתבח".

דער 'משנה ברורה' (רלו א) צייכענט צו אז ווען עס רעדט זיך פון "ברכו" איז נישט קיין חילוק צווישן די "ברכו" פון שחרית צו מעריב, אז אויך ביי מעריב וועט דער "ברכו" ווערן גערעכנט ווי דער אנהייב פון יוצר אור.

אין שו"ת 'יביע אומר' (ח"ב סי ה) שרייבט ער אן אנדערע מהלך, עס קומט אויס לויט אים אז צווישן "ברכו" און "יוצר" איז ווי בין הפרקים און מען מעג דארט ענטפערן 'אמן' אויף אלע ברכות.

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די חשובע מערכת 'וכל מאמינים'

חיים ושלום עד העולם

איך האב זייער הנאה געהאט פון דער מאמר הנפלא וואס איז ערשינען דורך דער נשיא פון 'בני אמונים' אין די גליון פון פרשת תרומה. אין דער מאמר איז געשטאנען אסאך איבער די גרויסע סוד פון ענטפערן אמן און ווי ווייט מיר האבן נישט קיין השגה אין איר.

איך האב געהערט אמאל א ווארט פון א איד וואס ענדלעט אביסל צו דעם גדאנק, ער האט נאכגעזאגט א טייטש אויף די ווערטער אין מסכת אבות [א.טו] אמור מעט ועשה הרבה אז עס גייט ארויף אויף דער אמן, אז עס איז א קליינער זאך, אבער עס פועל'ט גרויסע זאכן בשמים. די ווארט איז ממש ווי די קעפל וואס הרב מארמערשטיין האט געגעבן יענע וואך - א קליינע אינוועסמענט - א גרויסע פארדינסט.

איך האב געטראכט צו צולייגן נאך א רמז אז די דערמאנטע משנה פון 'אמור מעט' ענדיגט זיך מיט די ווערטער: "והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות" אז עס קען זיין אז דאס מיינט עס ווייל צו קענען ענטפערן 'אמן' דארף מען דאך הערן די ברכה פון דער 'מברך' און אויף דעם איז דער תנא ממליץ אז מען זאל מקבל זיין יעדן איינעם בסבר פנים יפות און אזוי ארום וועט מען קענען הערן דער אמן פון א צווייטן און זוכה זיין צו די אלע ברכות.

מען קען מוסיף זיין אז די גמרא אין נדרים (כא ב) זאגט בהאי הלשון: "צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה". עס קען זיין אז דאס איז מרמז אויף ענטפערן אמן ווייל ווי געברענגט פון ספר 'כד הקמח' (ערך אמונה) איז פון דער פסוק (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים" לערנט מען ארויס אז וועגן דעם הייסן אידן צדיקים, ווייל זיי ענטפערן אמן.

דער רבוש"ע זאל העלפן אז איר זאלט זוכה זיין צו אלע ברכות, איר טוט אזויפיל פאר אזא קליינע זאך.

אן עקסטערע דאנק פאר די שיינע גליון וואס איז אין די בחינה פון נחל נובע דעת ומדע איבער די מעלה העליונה פון נאכזאגן אמן.

מנאי מוקירכם
**א.פ. - חופ"ק לונדון הבירה**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191




"העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה" (תיקו"ז מ א).
אמן איז ראשי תיבות "אנה מלטה נפשי" ווייל דורכ'ן ענטפערן אמן ראטעוועט זיך דער איד פון אלע גזירות רעות. ('שארית מנחם' תהילים קטז ד).



# דער הייליגער אפטער רב – דער בעל 'אוהב ישראל'

## ה' ניסן תקפ"ה



דער אפטער רב'ס שול אין די שטאט מעזבוש

דער צדיק רבי אברהם יהושע העשיל איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ח צו זיין פאטער רבי שמואל. נאך פון יונגווייז אן האט אנגעהויבן אין אים צו ברענען אין אים דער רוח ה' און ער האט שוין דעמאלטס משיג געווען גרויסע מדריגות און השגות. ער איז געווען א גרויסער פרוש פון אלע עניני עולם הזה, אויך זיין התמדה בתורה איז געווען וואונדערליך. ('נתיב מצותיך' שביל אמונה ה ב).

נאך די חתונה איז זיין נאמען ארויס לתהילה און אין יאר תק"מ האט ער אנגעהויבן דינען מיט זיין ערשטע רבנות פאסטן אין די שטאטו קאלבאסאוו. אין יענע יארן איז ער נתקרב געווארן צו דער דרך החסידות און זיך אנגעהויבן דרייען ביים גרויסן צדיק רבי אלימלך מליזענסק און זיך געציילט אויף זיינע גרויסע תלמידים.

אין יאר תק"ס איז ער געווארן דער רב פון די שטאט אפטא. די שטאט איז געווען אויף אים זייער חביב און ווען ער האט פארלאזט די שטאט קיין יאס האט ער צוגעזאגט פאר די שטאטסלייט אז די נאמען אפטער רב וועט בלייבן אויף אייביג זאגנדיג אז אפטא איז די גימטריא פון צ"א כמנין פון די צוויי הייליגע שמות הקדושים. (קובץ 'שפתי צדיקים' ד עמ' נה).

דער בעל 'אוהב ישראל' איז געווען פון די גדולי התורה אין זיין דור און ווי עס איז מעיד אויף אים דער גרויסער גאון דער בעל שואל ומשיב רבי יוסף שאול נאטאנזאהן אין זיין הסכמה אויפ'ן ספר "אוהב ישראל" און דאס איז זיין לשון: "ואבותינו סיפרו לנו בעת שהיה כאן, היו הכול, כל גדולי ישראל שבעירנו, והיו משכימים ובאים אצלו, וראו נפלאות מתורתו".

אין חודש אדר תקע"ד האט זיך דער אפטער רב באזעצט אין די שטאט מעזבוש. אין יענע יארן איז ער געווען גערעכנט אלץ דער זקן הצדיקים שבדורו און אלע האבן אים מעריץ געווען און ארויסגעקוקט אויף זיין מוצא פיו

ער איז נסתלק געווארן ה' ניסן תקפ"ה און ער ליגט אויפ'ן בית החיים אין די שטאט מעזבוש.

## אויף יענע וועלט אנטדעקט מען די ווערט פון יעדן אמן

**האט דער אפטער רב געזאגט:**

עס איז דא אידן וואס אויף די וועלט פארשטייען זיי נישט די גרויסקייט פון ענטפערן אמן. אנשטאט אריינצולייגן קאפ און מח אין ענטפערן אמן, לייגן זיי אריין זייערע כוחות אין גשמיות. די אידן, ווען זיי וועלן ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועלן זיי איינזען די חשיבות פון יעדער אמן.

דעמאלטס וועלן זיי חרטה האבן מעומקא דלבא אויף יעדער אמן וואס זיי האבן פארפעלט, אבער עס וועט שוין זיין צושפעט צוקענען צוריקדרייען דעם זייגער.

דער צדיק פלעגט צו דרש'נען אויף דעם דער פסוק אין (תהילים קכו ו): "הלוך ילך ובכה נשא משך הזרע בא יבא ברנה נושא אלמתיו": אז ווער עס האט מזלזל געווען אין די אמן'ס ווען עס וועט קומען די צייט און עס וועט מקויים ווערן דער "הלך ילך" - אז ער וועט גיין לבית עולמו וועט ער חרטה האבן אז ער האט נישט אריינגעכאפט נאך און נאך אמנים אבער ווער עס האט"נשא משך הזרע" יא מקפיד געווען צו ענטפערן אמן וואס איז אויף די וועלט צוגעגליכענט צו א קליין קערנדל וואס מען פלאנצט איין אין די ערד וועט זוכה זיין אז אויף יענער וועלט וועט מקויים ווערן דער "בא יבא ברינה" - אז ער וועט אריינגיין אויף יענע וועלט מיט פולע זעק פון מצות און ווי דער פסוק פירט אויס "נושא אלמותיו".

אז מען זאל פארשטיין למה הדבר דומה פלעגט ער געבן די פאלגענדע משל:

א גרויסער עושר האט אמאל דערלייגט זיין גאנצער פארמעגן. זייענדיג פארשעמט פון זיין נידריגע לאגע האט ער באשלאסן אז ער וועט אוועקפארן אין די מרחקים און דארטן וועט ער פראבירן זיין מזל.

א לאנגער צייט האט ער זיך געוואלגערט ביז ווען ער איז אנגעקומען צו אן ארט וואו עס וואלגערט זיך גאלד און זילבער אין די גאסן און טייערע שטיינער. אין יענע ערטער איז דא אזא שפע פון זיי אז קיין איינער האלט עס נישט חשוב, מען בייגט זיך אפילו נישט אראפ אויף די ערד עס אויפצוהייבן.

אויך דער געוועזענער עושר האט זעענדיג ווי קיין איינער שעצט נישט די שטיינער האט ער זיך נישט באמיעט עס אויפצוהייבן. ווען עס איז אריבער עטליכע יאר און די מזל האט אים נישט געשפילט האט ער באשלאסן אז עס איז צייט צוריק אהיימצוגיין צו זיין שטאט.

נישט וועלנדיג אהיימקומען מיט ליידיגע הענט האט ער זיך אנגעפאקט א זאק מיט שטיינער און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. גייענדיג א לאנגער צייט אויפ'ן וועג איז ער געווארן הונגעריג. זעענדיג קעגן אים ווי איינער גייט מיט א זאק פון ברויט האט ער זיך איינגעבעטן ביי יענעם ער זאל געבן ברויט. דער פארשוין איז געווען א שווינדלער, די ברויט וואס ער האט געהאט אין זיין זאק איז געווען פארשימלטע ברויט, נאר אויבן איז געלעגן גוטע ברויט.

זעענדיג ווי דער מענטש פארמאגט טייערע שטיינער האט ער אים געבעטן ער זאל אים געבן די זאק פון שטיינער אנשטאט די ברויט. דער איד האט זיך געלאזט איבעררעדן און אוועקגעגעבן די זאק פון שטיינער פאר די פארשימלטע ברויט.

נאך א לאנגער וועג איז ער אנגעקומען אין שטוב. די קינדער זענען אים באפאלן מיט פרייד און געזוכט וואס ער האט זיי אהיימגעברענגט נאך אזויפיל יאר נישט זיין אין שטוב. זיי האבן געטראפן אביסל פארשימלטע ברויט אבער צווישן די ברויטן איז געווען אביסל טייערע שטיינער.

זיי האבן זיך זייער געפריידט צו די שטיינער אבער דער טאטע זעענדיג די גרויסע שמחה האט געהאט גרויס צער.

"איך האב דאך געהאט אזויפיל פון דעם אבער איך האב עס אויסגעטוישט פאר פארשימלטע ברויט".

דער נמשל איז פשוט. ווען א איד וועט קומען אויף יענע וועלט וועט ער זען אז יעדער אמן איז א דימאנט אבער ער האט עס ארויסגעלאזט. דאן וועט ער באוויינען אז ער האט עס נישט געשעצט, נאר ארויסגעלאזט פון האנט און פארקויפט פאר פארשימלטע ברויט.

('ספר הפנים' [לגרז"ו לייכטר] אות לא).